# דעם רבינ'ס ליכט

בא תשפ"ו
גליון 269



אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## עָלֶיךָ נָפַל חוֹבַת הַיּוֹם

יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי פָּרָשִׁיּוֹת פוּן שְׁמוֹת בִּיז מִשְׁפָּטִים, דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי שִׁעְבּוּד פוּן מִצְרַיִם דִי גְאוּלָה, מַכּוֹת אוּן מַתַּן תּוֹרָה אִיז צַייט צוּ פְרֶעגְן פוּן עֶנְק קִינְדֶער אַ פְרַאגֶע.

הָאט אֵיינֶער פוּן אוּנְז אַמָאל אַרַיינְגֶעטְרַאכְט בַּיים דַאוֶונֶען וָואס מֶען זָאגְט בַּיי שַׁחֲרִית יֶעדְן טָאג. עֶס אִיז דָא אַ פָּסוּק, וַתֵּרֶא אֶת עֳנִי אֲבֹתֵינוּ בְּמִצְרָיִם וְאֶת זַעֲקָתָם שָׁמַעְתָּ עַל יַם סוּף (נְחֶמְיָה ט, ט) אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען דִי פְּלָאג פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אִין מִצְרַיִם אוּן זֵייעֶרֶע גֶעשְׁרֵייעֶן הָאסְטוּ גֶעהֶערְט בַּיים יַם סוּף אִיז דֶער פָּסוּק מַמְשִׁיךְ וַתִּתֵּן אֹתֹת וּמֹפְתִים בְּפַרְעֹה וּבְכָל עֲבָדָיו וּבְכָל עַם אַרְצוֹ פַארְוָואס? כִּי יָדַעְתָּ כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם, דוּרְכְדֶעם, וַתַּעַשׂ לְךָ שֵׁם כְּהַיּוֹם הַזֶּה (נְחֶמְיָה ט, י) – כִּבְיָכוֹל הָאסְט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נָאמֶען אַזוֹי וִוי דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג.



וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דִי פְּסוּקִים וָואס מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג, אַ מֶענְטְשׁ קֶען דוּרְכְגֵיין זִיבֶּעצִיג יָאר דֶעם פָּסוּק אוּן קַיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן: "וָואס זָאג אִיךְ דָא?".

לָאמִיר זֶען וָואס ר' נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, אִין הֲלָכוֹת קְרִיאַת הַתּוֹרָה הֲלָכָה ו' אוֹת ט"ו. שְׁרַייבְּט עֶר אַזוֹי: "וֶוער עֶס וִויל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ אוּן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן תַּכְלִית הַנִּצְחִי, זַיין תִּקְנָה אִיז, אַז עֶר וִויאַזוֹי עֶר שְׁטֵייט אוּן גֵייט, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז, יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין מַדְרֵגָה בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת וִוי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, דַארְף עֶר בַּיי זִיךְ אִין קָאפּ אַזוֹי וִוי אַ נַייעֶ בְּרִיָּה מַמָּשׁ -אַ פְרִישׁ גֶעבּוֹירְן קִינְד! אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן אַלֶע פּוֹסְקִים בְּרֶענְגֶען דָאס, אַז מֶען דַארְף מַאכְן בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, פַארְוָואס?! וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר בְּרִיָּה – נֵיי-גֶעבּוֹירְן. מִיר מַאכְן דִי בְּרָכָה הַמַּחֲזִיר נְשָׁמוֹת לִפְגָרִים מֵתִים, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ, אַלֶע בְּרָכוֹת זֶענֶען אוֹיף דִי נְשָׁמָה וָואס הָאט זִיךְ פְרִישׁ בַּאנַייט אִין דֶעם אִיד.

יֶעדֶעס קִינְד, יֶעדֶער בָּחוּר, יֶעדֶער אִיד דַארְף זַיין עֲבוֹדָה זַיין אִינְגַאנְצְן נֵיי! יֶעדֶער אִיד, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז ווִילַאנְג דֶער אִידִישֶׁער נָאמֶען יִשְׂרָאֵל אִיז נָאךְ אוֹיף אִים, מַאכְט עֶר יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִצְוֹות. עֶר טוּט אַן צִיצִית, תְּפִלִּין, עֶר זָאגְט בְּרָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר דַאוְונְט, אַסַאךְ אִידְן זָאגְן תְּהִלִּים, מֶער לֶערְנְט אביסל/אסאך תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין אַז דֶעם טָאג וִוי אִיךְ גֶעפִין זִיךְ יֶעצְט אִיז נָאךְ קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן סְ'וֶועט קַיינְמָאל נִישְׁט זַיין, דִי עֲבוֹדָה וָואס אִיךְ דַארְף דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער

אִין דֶעם טָאג אִיז נֵיי אִינְגַאנְצְן. נָאר דוּ אִיד, וָואס שְׁטֵייט הַיינְט-צוּ-טָאג אִין דֶעם דוֹר דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם מִצְוָה.

עֶס אִיז דָא אַ תְּפִלָּה אִין שַׁעֲרֵי צִיּוֹן 'כִּי עָלֶיךָ נָפַל חוֹבַת הַיּוֹם', אוֹיף דִי אִיז גֶעפָאלְן דִי עֲבוֹדָה פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפָאלְן מִיט עֲבֵירוֹת אוּן פְּגָמִים מִיט-דֶעם-אַלֶעם, דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז נֵיי אִינְגַאנְצְן!!

אֲפִילוּ דֶער שְׁוַואכְסְטֶער אִיד וָואס שְׁטֶעלְט זִיךְ יֶעצְט דַאוֶוענֶען אָדֶער לֶערְנֶען, גְרוֹיסְט עֶר מִיט עִם דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען, וָואס דִי עֲבוֹדָה קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אוּן שָׂרָף אֲפִילוּ דִי גְרוֹיסֶע נְשָׁמוֹת וָועלְכֶע זֶענֶען שׁוֹין אִין גַּן-עֵדֶן הָעֶלְיוֹן קֶענֶען נִישְׁט מַשְׁלִים זַיין דִי עֲבוֹדָה וָואס דֶער פְּשׁוּטֶ'ער אִיד קֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט 'לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ' אַ מֵת אִיז שׁוֹין פָּטוּר פוּן מִצְווֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער פָּסוּק כִּי יָדַעְתָּ כִּי הֵזִידוּ עֲלֵיהֶם, דוּרְכְדֶעם, וַתַּעַשׂ לְךָ שֵׁם כְּהַיּוֹם הַזֶּה, מִיט דֶעם וָואס דִי מִצְרִיִּים הָאבְן גֶעפַּיינִיגְט אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דִי אִידְן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַזַא בִּיטֶערְן גָלוּת, דוּרְכְדֶעם אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס גֶעוָוארְן וָוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם. אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְט, וָואס מֶער דֶער יֵצֶר הָרָע פַּיינִיגְט אוּן שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ מֶער אוּן מֶער, אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דֶער כֹּחַ פוּן דִי צַדִּיקִים וֶוערְט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען וֶוערְט גֶעגְרוֹיסְט פִּיל מֶער.

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אַזוֹי וִוי אִין מִצְרַיִם אִיז דוּרְךְ דֶער שִׁעְבּוּד גֶעגְרוֹיסְט גֶעוָוארְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס נָאמֶען, דוּרְךְ דִי בִּיטֶערְנִישׁ אִיז גֶעוָוארְן אַ גְאוּלָה, זָאל שׁוֹין הַיינְט אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק, כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת (מִיכָה ז, טו) בְּכֹחַ דֶער צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ 'פֶּלֶא גָדוֹל' זָאל מֶען שׁוֹין בְּקָרוֹב זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בְּהִתְגַּלּוּת מַלְכוּת שָׁמַיִם לְעֵינֵי כֹּל, אָמֵן וְאָמֵן.

# אײן מעשה'לע



וָואס וֶועט זַיין וָוען מֶען וֶועט שׁוֹין הָאבְן גֶעלְט?

אַה, דִי גְלִיק וֶועט בַּאטְרֶעפְן. מֶען וֶועט קֶענֶען קוֹיפְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אָן צוּ טְרַאכְטְן אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט.

אַה, וִוי גֶעפֶעלְט דָאס אַייךְ?

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מִיטְטֵיילְן אַ נְקוּדָּה וָואס מִיר הָאבְן זִיךְ גֶעלֶערְנְט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק.

בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְשְׁט קַיין בְּרֵייטְקֵייט, אָבֶּער מִיר קִינְדֶער הָאבְן דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט עֶכְט גֶעשְׁפִּירְט, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְן זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּנְז צוּצוּשְׁטֶעלְן אוּנְזֶערֶע נוֹיטִיגֶע גֶעבְּרוֹיכְן וָואס עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס. יֶעדֶע שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב וֶוערְט גֶעפְּרַאוֶועט מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט אוּן שִׂמְחָה.

אַ הַאלְבֶּע יָאר צוּרִיק הָאבְן מִיר זִיךְ גֶעצוֹיגְן צוּ אַ נַייֶע גֶעגְנְט אוּן מַיינֶע דִי עֶלְטֶערְן הָאבְן צוּבַּאקוּמֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע הַכְנָסוֹת מִיר הָאבְן זֵייעֶר גֶעהָאפְּט אַז

סְ'וֶועט ווערְן אַ בְּרֵייטְקֵייט. נִישְׁט אַז דִי עֶלְטֶערְן טֵיילְן מִיט אוּנְז אַלֶע זֵייעֶרֶע פִינַאנְצִיעֶלֶע הַחְלָטוֹת נָאר צְוִוישְׁן דִי שׁוּרוֹת הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעכַאפְּט אַז סַיי דֶער טַאטֶע און סַיי דֶער מַאמֶע הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט וָואס דַארְף אַרַיינְבְּרֶענְגֶען הַרְחָבָה אִין שְׁטוּבּ. אָבֶּער צוּ אוּנְזֶער ווָאוּנְדֶער הָאבְּן מִיר דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט גֶעשְׁפִּירְט אַן עֶנְגְשַׁאפְט וִוי קֵיינְמָאל פְרִיעֶר. דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוּנְז אֲפִילוּ אָפְן גֶעזָאגְט וֶוען אַ קִינְד הָאט גֶעבֶּעטְן עֶפֶּעס גֶעלְט, "שֶׁעפֶּעלֶע, גֶעלְט הָאט מֶען וִויפִיל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל און נִישְׁט וִויפִיל מֶען פַארְדִינְט, יֶעצְט קֶען מֶען זִיךְ דָאס נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן..."

אֵיין טָאג הָאט אוּנְז דֶער טַאטֶע גֶערוּפְן אוֹיף אַן אֲסִיפָה און אוּנְז גֶעמָאלְדְן אַז גֶעעֶנְדִיגְט, מֶען קֶען מֶער אַזוֹי נִישְׁט אָנְגֵיין. וָואס אִיז? דֶער טַאטֶע הָאט אוּנְז מִיטְגֶעטֵיילְט אַז אִין דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט הָאט עֶר פַארְדִינְט מֶער וִוי סַיי וֶוען אָבֶּער גְלֵייכְצַייטִיג הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט חוֹבוֹת מֶער וִוי עֶר גֶעדֶענְקְט אִין זַיין לֶעבְּן. דִי גֶעלְט הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין סִימָן בְּרָכָה. עֶס זֶענֶען גֶעוָוארְן לֶעכֶער פוּן אַלֶע זַייטְן מִיט הוֹצָאוֹת וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערָאכְטְן.

"מֶער וֶועט מֶען קֵיין קְרֶעדִיט קַארְד נִישְׁט נוּצְן!" הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן. "יֶעדֶעס מָאל מֶען וֶועט דַארְפְן גֶעלְט וֶוען מֶען בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן."

אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט און אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע הוֹצָאוֹת פוּן שְׁטוּבּ און אֵיינְגֶעטֵיילְט לוֹיטְן וָואךְ. מַיין טַאטֶע הָאט אוּנְז מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַרַיינְגֵיין יֶעצְט אִין קַארְגְשַׁאפְט אָדֶער תַּאֲווֹת מָמוֹן, נָאר פָּשׁוּט טְרַאכְטְן אֵיידֶער מֶען קוֹיפְט עֶפֶּעס. קוֹדֶם מַאכְט מֶען אַ תְּפִלָּה און אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ מֶען דַארְף דָאס טַאקֶע הָאבְּן? דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען וָואס אִיז וִויכְטִיג און וָואס וֵוינִיגֶער? און אוֹיבּ אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן עֶפֶּעס, מֵיינְט דָאס נִישְׁט אַז מֶען מוּז אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם גֶעבְּרוֹיךְ נָאר מֶען דַארְף פָּשׁוּט מַאכְן מֶער תְּפִלּוֹת.



קוֹים דִי עֶרְשְׁטֶע וָואךְ וָואס מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דֶעם, הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעזֶען אַ הַרְחָבָה. דִי גֶעלְט הָאט פָּשׁוּט גֶעהַאט אַ כְּלִי אִין וָואס עֶס זָאל חַל זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז פוּן אוֹיבְן קוּמְט אַ גַאנְצֶע צַייט שֶׁפַע, כְּדֵי דִי שֶׁפַע זָאל אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ אוּנְז אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען פַארְמֶערְן תְּפִלּוֹת דָאס עֶפְנְט דִי רֶערְן עֶס זָאל אַרַיינְרִינֶען צוּ אוּנְז.

מִיטְן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת קֶען מֶען אַדוּרְךְ גֵיין דִי וֶועלְט אַסַאךְ רוּאִיגֶער, וַוייל אַ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִיז גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.




*אין קורצן פון פריער:*

*רבי נתן האט זיך זייער מצר געווען אז ער האט נישט געקענט זיין ביים רבי'ן אויף סוכות. מוצאי יום טוב לאזט ער זיך ארויס מיט א גרופע חסידים קיין ברסלב. ווען די אנדערע חסידים געזעגענען זיך זאגט דער רבי צו רבי נתן אז ער וויל נאך פארברענגען מיט אים און ער בלייבט ארונטער.*

*זיין שווער האט געפלאנט פאר רבי נתן א נסיעה קיין בארדיטשוב ארויסצופארן תיכף אסרו חג אינדערפרי צו איינהאנדלען סחורה. און רבי נתן זיצט נאך אין ברסלב...*

אצינד ליינט ווייטער:

שמועסנדיג מיטן רבי'ן, האט רבי נתן דערציילט איבער דער מנין וואס דעם רבי'נס חסידים האבן צאמגעשטעלט אין נעמירוב און דער רבי האט זייער הנאה געהאט דאס צו הערן. דערביי האט דער רבי אנגעהויבן צו איבערחזר'ן די תורה וואס ער האט אים געזאגט אין די פריערדיגע נאכט, וואס רעדט זיך פון מצוות סוכה. אין די תורה טוט דער רבי ערקלערן אז דער ענין פון סוכה איז אין די זעלבע בחינה ווי תפילות וואס א איד דאווענט מיט אלע כוחות, און דאס איז מסוגל פאר קינדער.

הערנדיג די דאזיגע רייד איז רבי נתן זייער איבערראשט געווארן. קוים עטליכע וואכן וואס ער האט זיך באקענט מיט'ן רבי'ן און שוין ווייסט דער רבי אלעס וואס ער מאכט מיט, ווען ער האט נאך ניטאמאל דערציילט פאר'ן רבי'ן אז זיינע קינדער האלטן זיך נישט ביי אים. שוין כמעט צען יאר. צען לאנגע יארן פון דער חתונה וואס ער האט נישט קיין קינדער!

## א פדיון פאר זרע של קיימא

יעצט אז רבי נתן האט געזען אז דער רבי ווייסט אלעס און ער האט אויפגעברענגט דעם ענין, האט ער זיך זייער אויסגערעדט אויף זיין צער.

"אויף דעם דארפסטו געבן א פדיון," האט דער רבי געזאגט. און רבי נתן האט געענטפערט אז ער האט סייווי געפלאנט צו שענקען א מתנה פאר'ן רבי'ן.

"דאס אז דו ביסט מיין חסיד," האט דער רבי געענטפערט, "איז עפעס וואס איך וואלט דיר געדארפט צאלן דערפאר, ווי דער זוהר לערנט: 'וואויל איז דער וואס ברענגט די

ווייטע, נאנטער צום באשעפער', אבער פאר קינדער דארפסטו מיר געבן א פדיון."

דער רבי האט אים פארגעשלאגן צו ברענגען זעקס בענקלעך, קעגן דעם ו' וואס טוט באהעפטן די אויבערשטע טייל און די אונטערשטע טייל פון דעם אות ע'; לויט די תורה וואס דער רבי האט געזאגט שבת שובה. (פארשטייט זיך אז רבי נתן האט טאקע געברענגט די זעקס בענקלעך און במשך די יארן איז ער געהאלפן געווארן מיט זעקס קינדער – פינף זון און איין טאכטער. רבי נתן האט זיך שפעטער אויסגעדרוקט, "ווען איך וואלט געוואוסט אז די צאל קינדער איז געוואנדן אינעם סכום בענקלעך פונעם פדיון, וואלט איך געברענגט צוועלף בענקלעך!")

דערנאך זענען זיי אריין צום רבי'ן אין שטוב צו עסן די אסרו חג סעודה. נאך דער סעודה איז שוין געווען העכסט צייט פאר רבי נתן אהיימצוגיין. ער האט זיך שוין געגנוג לאנג פארזוימט בסוד סודות. זיין פלאן איז געווען אז פארטאגס זאל ער שוין זיין צוריק אין שטוב און דא איז שוין טיף אריין אינעם טאג און ער געפונט זיך נאך אין ברסלב מיט'ן רבי'ן. וואס טוט זיך מיט די געפלאנטע נסיעה קיין בארדיטשוב? אה, רבי נתן קלערט נישט פון דברים של חול. ער איז אצינד אין אן אנדערע פלאנעט. עס גליסט זיך אים בכלל נישט זיך צו געזעגענען פונעם רבי'ן. די ווארעמקייט וואס דער רבי האט אריינגעבלאזן אין זיין גייסט האט אים נישט געקענט ערלויבן זיך אפצורייסן פון דעם ארט.

דער רבי האט מרגיש געווען זיינע געדאנקען און אים געזאגט: יעצט דארפסטו ווייזן אז דו האסט אויך קונה געווען דעם צווייטן חלק פון עבודת השם – בקי בשוב; זיך צו שטארקן אין שווערע מינוטן. דו מוזט אהיימגיין.

רבי נתן איז נאך געווען אנגעטון אין בגדי יום טוב און ער האט זיך געשעמט אזוי זיך צו דרייען איבער די גאסן. דער רבי האט אים גע'עצה'ט אז ער זאל ארויספארן שפעט נאכמיטאג אזוי וועט ער אנקומען אין נעמירוב בייננאכט ווען די גאסן זענען שוין טונקל (אן קיין גאס לעמפ וואס זאל באלייכטן די טונקלקייט פון דער נאכט...)

רבי נתן האט מיטגעטיילט מיט'ן רבי'ן איבער דער געפלאנטע נסיעה קיין בארדיטשוב. ער האט זיך פארגעשטעלט אז די אנדערע סוחרים זענען שוין לאנג ארויסגעפארן וואס דאס וועט נאך צולייגן אויל צו דער פייער ארום אים. מען וועט אים זיכער נישט מוחל זיין אויף דעם וואס ער איז אנטרינען געווארן אנשטאט צו פארן פאר מסחר.

"ווער ווייסט?" האט דער רבי אים בארואיגט. "אפשר האבן זיי געהאט סיבות וואס צוליב דעם זענען זיי נאכנישט געפארן?"

# גֶעוואָרְן אַ רֶבִּי בַּיי דִי אַכְצְן יָאר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע בַּיי אַכְצְן יָאר. יֶענֶעם צַייט הָאט מֶען צוּגֶענוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן זַיין חֵדֶר מְיֻחָד, אִיז דֶער רֶבִּי דַאן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין שְׁוֶוער'ס שְׁטוּבּ. בַּיי אַכְצְן יָאר אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ רֶבִּי.

דָארְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים, ר' אַהֲרֹן דֶער רָב פוּן בְּרֶסְלֶב, ר' יוּדְל, דֶער טִירְהָאוִויצֶער מַגִּיד, זֵיי זֶענֶען אַלֶע מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אִין דִי יָארְן, וָואס ס'הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר פוּן רֶבִּי'נְס לֶעבְּן, אִין דִי תק"ן יָארְן.

דֶער רֶבִּי אִיז אַלְט גֶעוֶוען - וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן דָאס וָואס מִיר רֶעדְן אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַסַאךְ פַאר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְטְס אַלְט גֶעוֶוען צְוָואנְצִיג יָאר אָדֶער אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אִיז שׁוֹין דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶר הָאט שׁוֹין מְקַרֵב גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע גְּדוֹלִים.

אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס נַייֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער, זַיין נָאמֶען אִיז אוּנְז בַּאקַאנְט, ר' יוּדְל - עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער. ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן יָאר תקנ"א, אוּן בִּיז דֶעם יָאר אִיז ר' יוּדְל גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער, נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶלְטֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן מִיט 'פוּפְצְן יָאר'. דֶער ר' יוּדְל אִיז אַלְט גֶעוֶוען דֶעמָאלְטְס זֶעקְס אוּן דְרֵייסִיג צוּ זִיבְּן אוּן דְרֵייסִיג יָאר, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶערְמַאן פוּן אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג - צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן בַּיי דִי יָארְן זֶעט זִיךְ גוּט אָן אַ חִילוּק פוּן צְוֵויי



אוּן צְוָואנְצִיג בִּיז זִיבְּן אוּן דְרֵייסִיג - דֶערְקֶענְט מֶען גוּט! דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעפַאסְט, אִין אֵיין יָאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפַאסְט 'אַכְצְן מָאל פוּן שַׁבָּת צוּ שַׁבָּת' - אִין אֵיין יָאר! יָא, אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעדַארְט אוּן אוֹיסְגֶעטְרוּקֶענְט - אַן יוּנְגֶערְמַאן אִיז עֶר גֶעוֶוען, אוּן ר' יוּדְל אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי אִין דַאשִׁיב, פוּן ר' יוּדְל אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן!

דֶער עִיקָר אִיז אַז דֶער ר' יוּדְל אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן! וִוי קֶען מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין?! אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד בַּיי ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער, וָואס ר' פִּנְחָס קָארִיצֶער אִיז גֶעוֶוען וֵוייסְן מִיר דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים; "אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט אַ 'חַד בְּדָרָא'"! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט צוּ ר' יוּדְלֶ'עןְ; "וואוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן גֶעזֶען ר' פִּנְחָסְ'ן"! ר' יוּדְל אִיז דָאךְ גֶעוֶוען זַיינֶער אַ תַּלְמִיד - "וואוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן גֶעזֶען ר' פִּנְחָסְ'ן"!

קֶען מֶען דָאךְ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶר הָאט דֶערְקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן! עֶר הָאט אַזוֹי דֶערְקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וִוי קֶען מֶען זַיין פוּן אַ רֶבִּי'ן אַזוֹי וַוייט"?! ר' יוּדְל עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דַאשִׁיב, דַאשִׁיב אִיז לֶעבְּן אוּמַאן, אוּן צוּם שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז דָאס וַוייט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וִוי קֶען מֶען זַיין אַזוֹי וַוייט פוּן אַ רֶבִּי'ן"?! אִיז עֶר אַרוֹיס וואוֹינֶען קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִין אֵיין שְׁטָאט, אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן יֶעדְן טָאג!

ר' יוּדְל פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ

הַשָּׁנָה - נאָכן רֶבִּי'נְס הִסְתַּלְּקוּת, פְּלֶעגט עֶר פְּרִיעֶר פָּאָרן קַיין בְּרֶסְלֶב, און עֶר פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן זַיין סִיפּוּר וְויאַזוֹי עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן פַאר ר' הִירְשׁ לֵייב דֶעם רַב פון בְּרֶסְלֶב.

הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי זַיין הִתְקַרְבוּת אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען, אַז נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז אַרוֹיס קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע ווָאוּינֶען, אִיז עֶר אָפְּגֶעזֶעצְן פִּינֶעף - זֶעקְס ווָאכְן אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, דָאס הֵייסְט אַ 'תַּלְמִיד' - עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָאָרן צוּם רֶבִּי'ן, נִישְׁט אַזוֹי סְתָּם, נָאר אִיז עֶר אָפְּגֶעוֶוען אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע פִּינֶעף - זֶעקְס ווָאכְן, און יֶעדְן טָאג אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן, צוּ רֶעדְן מִיטְן רֶבִּי'ן!

הָאט דֶער 'בַּעַל דָּבָר' גֶעמַאכְט אַזַא מִין גֶעשֶׁעפְט, [עֶר הָאט אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם] ווָאס רֶעדְט 'לָשׁוֹן הָרָע' מִיט אַ 'רְכִילוּת' - אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אֵיינֶער צוּ ר' יוּדְל'עְן, און זָאגְט אִים; ווָאס גֵייסְטוּ אַלֶעמָאל צוּם רֶבִּי'ן?! דֶער רֶבִּי ווִיל דִיר נִישְׁט לַיידְן! אַלֶע טָאג גֵייסְטוּ אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן?! דֶער רֶבִּי ווִיל דִיר נִישְׁט לַיידְן!! - ס'אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען אַ שֶׁקֶר.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

# שְׁוֶועריִגְקַייטְן וָואס מַאכְט שְׁטַייגְן

אָפְּנְהַארְצִיג פַאר זַיין זֵיידֶע: "צוּמָאל, שְׁפִּיר אִיךְ אַנְדֶערְשׁ ווִי מַיינֶע חֲבֵרִים, עֶס אִיז מִיר פָּשׁוּט שְׁוֶוער. זֵיי הָאבְן גְרוֹיסֶע און קְלֵיינֶע בְּרִידֶערְס, און אִיךְ - וָואס הָאב אִיךְ? צְוֵויי קְלֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְקֶעס... מִיר הָאבְן אַ קְלֵיינֶעם הוֹיז, צוּשְׁטוּפְּט און נִישְׁט מְסוּדָּר, טַאטִי און מַאמִי זֶענֶען כִּמְעַט נִישְׁט אִין שְׁטוּב, און וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פון חֵדֶר, אִיז דִי שְׁטוּב גֶעוֶוענְדְלִיךְ לֵיידִיג. אִיךְ הָאב נִישְׁט מִיט וֶועמֶען צוּ שְׁפִּילְן, אוֹיסֶער פון צוּ גֵיין צוּ אַפָּאר חֲבֵרִים".

און נִישְׁט נָאר דָאס. דוּ ווֵייסְט - זֵיידִי - וואוּ אִיךְ שְׁלָאף בַּייַנַאכְט? אוֹיף אַ מַאטְרַאץ ווָאס לִיגְט אִין קִאךְ... ווָאס זָאל אִיךְ טוּן? מַיין מַאמֶע זָאגְט אֵייבִּיג אַז עֶס ווֶעט נָאךְ קוּמֶען אַ טָאג ווָאס עֶס גֵייט אוּנְז בְּרֵייטֶער ווֶערְן, אָבֶער דָאס גֵייט שׁוֹין אָן פַאר זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט - זֵייעֶר זֵייעֶר אַסַאךְ צַייט... און דָארְטְן שְׁלָאף אִיךְ זִיךְ אַלֵיינְס אָן קֵיין בְּרִידֶערְס, און כִּמְעַט אָן צוּ זֶען טַאטִי און מַאמִי". זוּדִיגֶע טְרֶערְן רִינֶען פון זַיינֶע אוֹיגְן, און עֶר אָטֶעמְט טִיף אַרַיין

המשך פון זייט 12

פְּרוּבִּירְנְדִיג צוּ בַּאהַאלְטְן זַיין טִיפְן וֵוייטָאגְלִיכְן גֶעוֵויין.

אַ בְּרֵייטֶע שְׁמֵייכְל דֶערְזֶעט זִיךְ אוֹיפְן זֵיידְנְ'ס שְׁטְרַאלְנְדְן גֶעזִיכְט, און פון זַיינֶע וֶוערְטֶער שֶׁעפְּט דָּוִד פִּיל כֹּחַ זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין און זִיךְ שְׁטַארְקְן. "דוּ זָאלְסְט ווִיסְן מַיין דָּוִד'ל, אַז דִי שְׁוֶועריִגְקַייטְן ווָאס דוּ הָאסְט אִין לֶעבְּן, דָאס ווֶעט דִיר הֶעלְפְן שְׁטַייגְן און בְּלִיעֶן. דִי עֶלֶנְדְקַייט און שְׁוַואכְקַייט, ווֶען דוּ ווֶעסְט זִיךְ מְחַזֵּק זַיין דֶערְמִיט, קֶענְסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק, אַזוֹיוִוי דִי שְׁוֶועריִגְקַייטְן ווָאס זֶענֶען אַרִיבֶּער אוֹיף משֶׁה רַבֵּינוּ, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, דָּוִד הַמֶּלֶךְ, און יוֹסֵף הַצַּדִּיק. עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי דִי 'זִיבְּן וַואסֶערְן אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין בִּיטֶערְנִישׁ און עֶלֶנְדְקַייט'. אָבֶער דַוְוקָא פון אָט דֶעם שְׁוֶוערְן נִסָּיוֹן, זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן און גֶעוָוארְן צַדִּיקִים און קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן.

"גֶעדֶענְק: אַזוֹיוִוי עֶס אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן קֵייזֶערְ'ס וַוייבּ דִי זִיבְּן עֶרְלֵיי וַואסֶערְן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועלְן דַיינֶע שְׁוֶועריִגְקַייטְן אַרַיינְבְּלָאזְן אִין דִיר פֶעסְטֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ עֶרְפָאלְגְרַייךְ פַארְמֶעסְטְן אִין לֶעבְּן - מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף".

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י'
## דֶער בֶּערְגֶער אוּן דֶער אָרִימַאן #5

אוּן דֶער 'קֵיסָר' – נָאכְדֶעם אַז סְ'אִיז שׁוֹין גֶעטָאן גֶעוָוארְן דֶער 'מִשְׁפָּט', אִין דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן' – אוּן עֶר אִיז אִים שׁוֹין פָּטוּר גֶעוָוארְן (וָוארְן דֶער 'קֵיסָר' הָאט גֶעמֵיינְט: אַז מֶען הָאט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַזוֹי גֶעטָאן דֶעם 'מִשְׁפָּט' אִין דֶעם 'בָּחוּר', אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף 'דֶער וֶועלְט' נִישְׁט דָא) – הַיינְט קֶען עֶר שׁוֹין אַ 'שִׁידוּךְ' טָאן מִיט זַיין 'טָאכְטֶער'.

הָאט מֶען אִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן 'שִׁידוּכִים' – מִיט 'דֶעם מֶלֶךְ', אוּן מִיט 'דֶעם מֶלֶךְ'!

אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעמַאכְט אַ 'הוֹיף', אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז – אוּן זִי אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן – אוּן זִי הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען 'פַּאנֶעס' 'שְׂרָרוֹת טֶעכְטֶער' [טֶעכְטֶער פוּן שָׂרִים], זֵיי זָאלְן מִיט אִיר זַיין.

אוּן זִי אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן – אוּן זִי פְּלֶעגְט שְׁפִּילְן אוֹיף 'כְּלֵי־שִׁיר', אַזוֹי־וִוי זֵייעֶר סֵדֶר אִיז.

אוּן וָואס מְ'הָאט אִיר גֶערֶעדְט 'שִׁידוּכִים' – הָאט זִי אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט:

"אַז זִי וִויל נִישְׁט קַיין 'רֵייד', דְהַיְינוּ: [אַז] מְ'זָאל [נָאר בְּלוֹיז] רֶעדְן [פוּן] דֶעם 'שִׁידוּךְ' – נָאר עֶר זָאל אַלֵיין קוּמֶען (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס עֶר וִויל זִי נֶעמֶען)"!

אוּן זִי הָאט זֵייעֶר ווֹאוֹיל גֶעקֶענְט 'חָכְמַת־הַשִּׁיר' (דְהַיְינוּ: דִי 'חָכְמָה', [אַז] מְ'זָאל רֶעדְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע 'לִידֶער' מִיט גְרוֹיס 'חָכְמָה').

אוּן זִי הָאט גֶעמַאכְט מִיט [פַּאכְמַאנִישֶׁע] 'מְלָאכוֹת', אַ 'אָרְט' [פְּלַאץ] – וָואס 'עֶר' זָאל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'אָרְט' (דְהַיְינוּ: דֶער וָואס עֶר וִויל זִי נֶעמֶען) – אוּן 'עֶר' זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אַקֶעגְן 'אִיר', אוּן 'עֶר' זָאל רֶעדְן אַ 'שִׁיר', דְהַיְינוּ: אַ 'שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק', אַזוֹי־וִוי אַ 'חָשׁוּק' רֶעדְט צוּ זַיין 'חֲשׁוּקָה' (דְהַיְינוּ: רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט).

זֶענֶען גֶעקוּמֶען 'מְלָכִים' זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין – אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם 'אָרְט' – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אִיטְלֶעכֶער זַיין 'שִׁיר'!

הָאט זִי [צוּ] אַ טֵייל [פוּן זֵיי], אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט אַ 'תְּשׁוּבָה' דוּרְךְ אִירֶע 'פַּאנֶעס' – אוֹיךְ מִיט אַ 'שִׁיר', אוּן מִיט

׳לִיבְּשַׁאפְט׳.

און [צוּ] אַ ׳טֵייל׳, וָואס זֵיי זֶענֶען אִיר מֶער גֶעפֶעלְן – הָאט זִי זֵיי אַלֵיין גֶעעֶנְטְפֶערְט – און זִי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן אִיר ׳קוֹל׳ מִיט אַ ׳שִׁיר׳ – און זִי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיךְ, ׳רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט׳.

און צוּ אַ ׳טֵייל׳, וָואס זֵיי זֶענֶען אִיר נָאךְ בֶּעסֶער גֶעפֶעלְן – הָאט זִי זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיסְגֶעוִויזְן ׳פָּנִים־אֶל־פָּנִים׳ – און זִי הָאט אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אִיר ׳פָּנִים׳ – און זִי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַ ׳שִׁיר׳ מִיט ׳לִיבְּשַׁאפְט׳.

און צוּ ׳אַלֶע׳, הָאט זִי אַלְץ אוֹיסְגֶעלָאזְט צוּם סוֹף: ״דִי ׳וַואסֶערְן׳, זֶענֶען אָבֶּער אִיבֶּער דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען!״

און ס׳הָאט קֵיינֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זִי מֵיינְט.

און אַז זִי הָאט אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אִיר ׳פָּנִים׳ – פְלֶעגְט מֶען אַנִידֶערְפַאלְן, מַחֲמַת [אִיר] גְרוֹיס ׳שֵׁיינְקֵייט׳!

און אַ ׳טֵייל׳, זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן ׳חֲלָשׁוּת׳!

און אַ ׳טֵייל׳, זֶענֶען ׳מְשׁוּגָע׳ גֶעוָוארְן – מַחֲמַת ׳חוֹלַת אַהֲבָה׳ – מַחֲמַת אִיר גְרוֹיס ׳שֵׁיינְקֵייט׳, וָואס ס׳אִיז זֵייעֶר־זֵייעֶר ווִילְד גֶעוֶוען!

און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט – כָּאטְשֶׁע זֵיי זֶענֶען ׳מְשׁוּגָע׳ גֶעוָוארְן, און זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן ׳חֲלָשׁוּת׳ – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט, פְלֶעגְן ׳מְלָכִים׳ קוּמֶען, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר.

און זִי הָאט זֵיי אַלֶע אַזוֹי אָפְּגֶעעֶנְטְפֶערְט, כַּנַ״ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

און דֶער ׳זוּהְן׳ פוּן דֶעם ׳בֶּערְגֶער׳ הַנַ״ל – אִיז זִיךְ דָארְט גֶעזֶעצְן אוֹיף דֶעם ׳אָרְט׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – און עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גֶעמַאכְט אַ ׳אָרְט׳ [פְּלַאץ] צוּ זִיצְן דֶערִינֶען – און עֶר אִיז זִיךְ דָארְט גֶעזֶעצְן.

און עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעקֶענְט ׳שְׁפִּילְן׳ – און עֶר הָאט גֶעקֶענְט ׳חָכְמַת־הַשִּׁיר׳ – הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן ׳הָאלְץ׳ וָואס מ׳קֶען דֶערוֹיף מַאכְן ׳כְּלֵי־שִׁיר׳ (דְהַיְינוּ: ׳כֵּלִים׳ וָואס מ׳שְׁפִּילְט אוֹיף זֵיי) – און עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ׳כְּלֵי־שִׁיר׳ – און פוּן דִי ׳אָדֶערְן׳ פוּן דִי ׳חַיוֹת׳, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט ׳סְטְרוּנֶעס׳ – און עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּ ׳שְׁפִּילְן׳.

און עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען דָאס ׳כְּתָב׳ וָואס עֶר גֶעהַאט, וָואס זִי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט (דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער ׳שִׁבְיָה׳ [גֶעפֶענְגֶענִישׁ]) – און עֶר הָאט זִיךְ גֶעזִינְגֶען און גֶעשְׁפִּילְט – און עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט: וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן], און ווִי דֶער ׳פָּאטֶער׳ אִיז גֶעוֶוען אַ ׳בֶּערְגֶער׳ וְכוּ׳, און הַיינְט אִיז עֶר אַהֶער פַארְוָוארְפְן גֶעוָוארְן.

און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען – און הָאט גֶענוּמֶען דָאס ׳כְּתָב׳ – און הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ ׳סִימָן׳ אִין אַ ׳בּוֹים׳ – און עֶר הָאט דָארְט

אִין דֶעם ׳בּוֹים׳, גֶעמַאכְט אַ ׳אָרְט׳ – אוּן [עֶר] הָאט דָארְט דָאס ׳כְּתַב׳ בַּאהַאלְטְן – אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אַ [שְׁטִיק] צַייט.

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער ׳שְׁטוּרֶעם־וִוינְט׳ – אוּן עֶר הָאט צוּבְּרָאכְן אַלֶע ׳בֵּיימֶער׳ וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען דֶעם ׳בּוֹים׳ וָואס עֶר הָאט דָארְט בַּאהַאלְטְן דָאס ׳כְּתַב׳.

וָוארְן אַז [וֶוען] דִי ׳בֵּיימֶער׳ זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף זֵייעֶר אָרְט – הָאט עֶר גֶעהַאט אַ ׳סִימָן׳ צוּ דֶערְקֶענֶען [דֶעם ׳בּוֹים׳] – אָבֶער הַיינְט אַז זֵיי זֶענֶען אַיינְגֶעפַאלְן – אִיז דֶער ׳בּוֹים׳ פַארְמִישְׁט גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן דִי אִיבְּרִיגֶע ׳בֵּיימֶער׳ וָואס סְ׳אִיז דָארְט גֶעוֶוען זֵייעֶר פִיל – הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען דֶעם ׳בּוֹים׳.

אוּן דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] – אַז מְ׳זָאל אוֹיפְשְׁפַּאלְטְן אַלֶע ׳בֵּיימֶער׳, אוּן מְ׳זָאל זוּכְן דָאס ׳כְּתַב׳ – וָוארְן סְ׳גֶעוֶוען זֵייעֶר פִיל ׳בֵּיימֶער׳.

הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט – אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען.

אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: ״אַז [אוֹיבּ] עֶר וֶועט דָא זִיצְן – וֶועט עֶר בְּוַודְאַי מְשׁוּגָע וֶוערְן – מַחֲמַת גְרוֹיס ׳צַעַר׳ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט״.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״עֶר מוּז אַוֶועקְגֵיין וַוייטֶער – אוּן וָואס סְ׳וֶועט זִיךְ שׁוֹין מִיט אִים טָאן – לָאז [זָאל] זִיךְ טָאן – [אָבֶער] גֵיין אַוֶועק [פוּן דָא] מוּז עֶר – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין בְּלוֹא־זֶה (בְּלוֹיז [אַזוֹי אוֹיךְ] מְסוּכָּן זֵייעֶר, מַחֲמַת גְרוֹיס ׳צַעַר׳״!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען ׳פְלֵייש׳ אוּן ׳פֵּירוֹת׳, אִין אַ ׳זַאק׳ אַרַיין – אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען וואוּהִין עֶר וֶועט גֵיין!

אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט ׳סִימָנִים׳, אִין דֶעם ׳אָרְט׳ וָואס עֶר אִיז פוּן דָארְט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אַ ׳יִשׁוּב׳!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ ׳מְדִינָה׳ אִיז דָאס״? – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״אוֹיבּ מְ׳הֶערְט דָא פוּן דֶעם ׳קֵיסָר׳ (הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])״? – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא״!

הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״אוֹיבּ מְ׳הֶערְט דָא פוּן זַיין ׳טָאכְטֶער׳ דִי ׳יְפַת־תּוֹאַר׳״? – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא״! לוּשְׁמִיר [אָבֶער] סְ׳קֶען זִיךְ קֵיינֶער מִיט אִיר נִישְׁט מְשַׁדֵךְ זַיין (כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – וָוארְן זִי וִויל קֵיינֶעם נִישְׁט, כַּנַ״ל)!

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אריםאן (5)

**א.** האט דער קייסער געוואוסט דער אמת אויב דער זון פון בערגיר לעבט?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ ער איז געווען מסופק

**ב.** וועלכע שידוכים האט מען אנגעהויבן רעדן פאר די טאכטער פון קייסער?
- ❑ מיט קעניגן
- ❑ חשובע הערן
- ❑ גרויסע עשירים

**ג.** וואו איז די טאכטער פון קייסער געזיצן מיט אידע חבר'טעס?
- ❑ אין א קעניגליכן פאלאץ וואס מ'האט איר געבויט
- ❑ אין איר מאמע'ס הויז
- ❑ אין א חצר וואס איר טאטע האט פאר איר געמאכט

**ד.** וואס האט די טאכטער פון קייסער דארט געטאן?
- ❑ געמאלעוועט בילדער
- ❑ געזונגען
- ❑ געשפילט אויף כלי שיר

**ה.** וואס האט זי געענטפערט אויף אלע שידוכים וואס מ'האט איר פאר געלייגט?
- ❑ איך וועל זיך איבער טראכטן
- ❑ איך וועל פרעגן דער קיסר
- ❑ אבער די זיבן וואסערן זענען דיר ניט איבער געגאנגען

**ו.** ווער האט פארשטאנען וואס דאס מיינט?
- ❑ אלע קעניגן
- ❑ נאר איין קעניג
- ❑ קיינער האט נישט פארשטאנען

**ז.** וואס האט דער זון פון בערגיר געטאן אין מדבר?
- ❑ ער האט זיך געמאכט א ארט (פלאץ) דארט צו זיצן
- ❑ ער האט זיך געמאכט כלי שיר
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח.** וואו האט ער באהאלטן די כתב וואס ער האט באקומען פון די טאכטער פון קייסער?
- ❑ אין א בוים
- ❑ אין א הייל
- ❑ אין א גרוב אין דער ערד

**ט.** פארוואס האט ער זיך מיישב געווען אז ער מוז אוועק גיין פון די מדבר?
- ❑ ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ❑ ווייל די בוימער זענען געווארן אויסגעמישט, האט ער שוין נישט קיין שאטן
- ❑ ווייל ער וועט משוגע ווערן פון צער אז ער האט נישט די כתב

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

**מיט וועלכע זאך איז דער בן הבערגיר געראטן צו די בת קייסער ?**

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**אין וועלכע מעשה נאך ווערט דערמאנט אז איינער איז געגאנגען אין מדבר ?**

אין מעשה א' – דער משנה למלך – מעשה י״א דער אמת'ר בן המלך – דער בן השפחה

**געווינער אויף בערגער ועני 4# איז הילד .. משי זהב, בית שמש כתה ד'. טעלעפאן אין שטוב ***9102**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# שְׁוועֶרִיגְקַייטְן וָואס מַאכְט שְׁטַייגְן

דֶער אָרִימַאן וָואס אִיז גֶעוָוארְן קֵייזֶער אִיבֶּערְן גַאנְצְן וֶועלְט, נָאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם בֶּערְגֶערְ'ס זוּן צוּם טוֹיט מֵיינֶענְדִיג אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַן עֶרְלֶעדִיגְטֶער, הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זוּכְן שִׁידוּכִים פַאר זַיין טָאכְטֶער. אָבֶער דִי טָאכְטֶער פוּנֶעם קֵייזֶער אִיז גֶעוֶוען גֶעטְרַיי צוּ אִיר אֱמֶת'ן חָתָן - דֶער זוּן פוּנֶעם בֶּערְגֶער.

זִי פְלֶעגְט שְׁפִּילְן מוּזִיק, אוּן וֶוען אָנְגֶעטְרָאגֶענֶע קַאנְדִידַאטְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיט אִיר, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט דוּרְךְ זִינְגֶען אוּן שְׁפִּילְן אַ שֵׁיינֶעם לִיד, אָבֶער פַאר אַלֶעמֶען הָאט זִי גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם לִיד 'אָבֶער עֶס זֶענֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר דִי זִיבְּן וַואסֶערְן'... קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זִי מֵיינְט דֶערְמִיט.

דֶערְוַוייל, אִיז דֶער בֶּערְגֶערְ'ס זוּן גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיינְס אִין וַואלְד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פַארְשִׁידֶענֶע מוּזִיקַאלִישֶׁע אִינְסְטְרוּמֶענְטְן פוּן שְׁטִיקְלֶעךְ הָאלְץ, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶערְזִינְגֶען. עֶר הָאט בַּאהַאלְטְן דָאס צֶעטְל וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אִיר אִין אַ בּוֹים, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ סִימָן צוּ וִויסְן וואוּ עֶס לִיגְט. אָבֶער צוּ זַיין גְרוֹיס וֵוייטָאג, הָאט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט צוּבְרָאכְן אַלֶע בֵּיימֶער, אַזוֹי אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען אִין וֶועלְכֶע בּוֹים עֶס לִיגְט.



אוֹיפְן בַּאלְקָאן אִין שׁוּל, אִיז דָוִד'ל אַרוֹיס אוֹיף אַ גֶעשְׁמַאקְן שְׁמוּעֶס מִיט זַיין זֵיידֶע ר' שְׁמוּאֵל. "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶנְדְלִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין דִי גַאנְצֶע פֶּרֶק ג' ", הָאט דָוִד'ל גֶעזָאגְט. "וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשְׁטֵיין אִין כִּתָּה, אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ אוֹיסְצוּהֶערְן, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. אַצִינְד, בּ"ה, אִין זְכוּת פוּן דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין אַלֶעס!".

"דוּ זֶעסְט דָוִדְ'ל מַיינֶער", הָאט אִים דֶער זֵיידֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט, גְלֶעטְנְדִיג זַיין שְׁנֵיי-וַוייסְן בָּארְד "דוּ בִּיסְט זֵייעֶר טַאלַאנְטְפוּל, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ פַארְשְׁטַאנְד צוּ קֶענֶען גוּט לֶערְנֶען 'לְהָבִין לְהַשְׂכִּיל לִשְׁמֹעַ לִלְמֹד וּלְלַמֵּד', אָבֶער צוּמָאל, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן עֶטְלִיכֶע מָאל..."

דָוִדְ'ל שְׁפִּירְט זִיךְ זִיכֶער, אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט

המשך אויף זייט 7

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שלמה פרקוביץ הי"ו
לרגל נישואי בתו הכלה הח' עם החתן היקר ר' מאיר יחיאל נ"י
החתונה יתקיים בעז"ה ביום ג' בשלח באולם הכרמים

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שלמה כהנא הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אלישא גבריאל נוימאן הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר משה יוסף גאלדמאן הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב